**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/27/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט 20 מיליאן דאלאר אין גרענטס צו פארבעסערן עמערדזשענסי קאמוניקאציעס און באשיצן ניו יארקער**

***סטעיט-פינאנצירטער פראגראם שטיצט עמערדזשענסי קאמוניקאציע סיסטעמען אריבער די סטעיט דורכן פארשטערקערן עמערדזשענסי אפרופונג מעגליכקייטן***

***פינאנצירונג צו גענוצט ווערן פאר נייע פראיעקטן, עקוויפמענט אינסטאלאציע, פארבעסערטע קאמיוניקאציע טשענעלס און טרענירונג און איבונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 20 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג איז געשאנקען געווארן פאר זיבן קאונטיס און פאר ניו יארק סיטי צו פארבעסערן עמערדזשענסי קאמוניקאציעס און באשיצן ניו יארקער. דער 'סטעיט-ברייטע מיטגעטיילטע קאמוניקאציעס גרענט' פראגראם פינאנצירונג וועט גענוצט ווערן צו ארויסהעלפן קאונטי רעגירונגען צו פארבעסערן און פארשטערקערן די לאקאלע עמערדזשענסי אפרופונג מעגליכקייטן דורכן אינוועסטירן אין פובליק זיכערהייט קאמיוניקאציעס אין קריטישע געגנטער אריבער די סטעיט.

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און אינפארמאציע איז די בעסטע כלי וואס מיר האבן צו באשיצן מענטשן אין עמערדזשענסי מצבים", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער עמערדזשענסי קאמוניקאציעס אינפראסטרוקטור איז קריטיש צו האלטן קאמיוניטיס זיכער, און די אינוועסטירונגען וועלן פארשטערקערן אונזער מעגליכקייט צו אנקומען צו ניו יארקער בעפאר עמערדזשענסיס קומען ארויף און העלפן מיט אונזערע באמיאונגען זיך צו אפרופן צו זיי."

די 20 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג וועט פארטיילט ווערן דורך די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אונטער דעם 2023 'סטעיט-ברייטע מיטגעטיילטע קאמוניקאציעס גרענט' (Statewide Interoperable Communications Grant, SICG) געציהלטן גרענט פראגראם. די הויפט ציהל פון דעם SICG-געציהלטער פראגראם איז צו פארמאכן לעכער אין די אינפראסטרוקטור וואס פארבינדט צווישן סיסטעמען; צו אדרעסירן ראיאנישע קאמיוניקאציע לעכער; צו פארמערן די בעק-אפּ סיסטעמען און פארשטערקערן שטאנדהאפטיגקייט; און איינפירן טשענעלס מיט נאציאנאלע סטאנדארטן (National Interoperability channels). אלע ניו יארק סטעיט קאונטיס זענען געווען בארעכטיגט צו אפלייען פאר SICG-געציהלטע געלטער. די רעגירונגען וואס באקומען די געלטער קענען עס נוצן צו איינפירן פארשידענע עמערדזשענסי קאמוניקאציעס פראיעקטן, ווי צוםביישפיל צו אינסטאלירן נייע עקוויפמענט, פארשטערקערן קאמיוניקאציע טשענעלס צווישן פובליק זיכערהייט ראדיאו סיסטעמען און טרענירונג און איבונג שטיצע צו שטופן פאר עמערדזשענסי קאמוניקאציעס צווישן ראיאנען און גרייטקייט פון ערשטע הילף מאנשאפטן.

**ניו יארק היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי בּרעי, האט געזאגט,** "די גרענטס שפילן א קריטישע ראלע ביים העלפן אונזערע לאקאלע עמערדזשענסי מאנשאפטן צו פארשטערקערן און מאדערניזירן עקזיסטירנדע עמערדזשענסי קאמוניקאציע סיסטעמען און צו שטופן פאר מער קאמיוניקאציע מעגליכקייטן צווישן קאונטיס און זייערע שותפים."

די SICG געציהלטע גרענטס וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן זענען ווי פאלגנד:

| קאונטי | סומע געשאנקען | פראיעקט |
| --- | --- | --- |
| קעטערעגוּס קאונטי | $178,972.00 | פארבעסערטע ראדיאו סיסטעם באשטאנדטיילן, ארייננרעכנענדיג סערווערס און דיספעטש סיסטעמען און אזוי אויך אוועקשטעלן פארבינדונגען צווישן קאונטיס. |
| שענענגאָ קאונטי | $3,000,000.00 | א נייער 'פּראַדזשעקט 25' דיגיטאלע ראדיאו סיסטעם צו ברענגען מערערע אגענטורן אין איין איינצלנע ראדיאו סיסטעם. צושטעלן נאך ראדיאו לאקאציעס פאר נאציאנאל-סטאנדארטיגע טשענעלס. |
| דאָטשעס קאונטי | $3,000,000.00 | א נייער 'פּראַדזשעקט 25' דיגיטאלע ראדיאו סיסטעם וואס וועט ארייננרעכנענען די מעגליכקייט זיך צו פארבינדן מיט ארומיגע קאונטיס און מיט די MTA פאליציי דעפארטמענט. |
| דזשענעסי קאונטי | $2,257,429.00 | די קאונטי וועט ערזעצן א וויכטיגע ראדיאו טורעם לאקאציע וואס וועט ערלויבן צו אויסברייטערן די נאציאנאל-סטאנדארטיגע טשענעלס. |
| ליווינגסטאן קאונטי | $2,570,999.00 | די קאונטי וועט אויסברייטערן די נאציאנאל-סטאנדארטיגע טשענעלס אין אלע 'בענדס', דערמיט פארמערנדיג די דעקונג און מעגליכקייטן אריבער די קאונטי. |
| ניו יארק סיטי | $3,000,000.00 | ניו יארק סיטי וועט נוצן די געשאנקענע גרענט צו מאדערניזירן און פארבעסערן די נאציאנאל-סטאנדארטיגע טשענעלס, פארבעסערנדיג די מעגליכקייטן זיך צו פארבינדן מיט די ארומיגע קאונטיס אין ניו יארק און ניו דזשערסי. |
| סקאָוהערי קאונטי | $3,000,000.00 | סקאָוהערי קאונטי וועט נוצן די געשאנקענע גרענט צו אויסברייטערן די מיטגעטיילטע אינוועסטירונג געלטער דיגיטאלע 'טראָנקד' ראדיאו סיסטעם אין די קאונטי. |
| וואשינגטאן קאונטי | $2,992,600.00 | די קאונטי וועט אויפשטעלן א מיטגעטיילטע ראדיאו צענטראלע לאקאציע צוזאמען מיט שכנות'דיגע קאונטיס, פארבינדנדיג ראדיאו קאנסאָולס און נוצן מייקראָ-וועיוו נעטווארקס צו פארבעסערן די מעגליכקייט פון סיסטעמען אויף ביידע זייטן פון די האדסאן ריווער צו ארבעטן צוזאמען. |

מער אינפארמאציע איבער דעם SICG פראגראם קען געפונען ווערן אויף די DHSES וועבזייטל [דא](#).

**איבער די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**

די [דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES)](#) שטעלט צו פירערשאפט, קאארדינאציע און שטיצע צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, זיך ערהוילן פון און פארמינערן קאטאסטראפעס און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, פאלָאוט @NYSDHSES אויף [Facebook](#), [Instagram](#) און [X](#) (וואס פלעגט הייסן Twitter) אדער באזוכט [dhses.ny.gov](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן